**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/17/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע אקציעס זיך צו נעמען שטרענג קעגן קאטאליטיק קאנווערטער און אויטא גניבה**

***ווייזט אן פאר סטעיט פאליציי צו העכערן אינפארסירונג, מערן אינטערסטעיט קאארדינאציע און זיך פאראייניגן מיט געזעץ אינפארסירונג אין ערטער מיט א הויכע צאל גניבות***

***לעגיסלאציע (S.9428/ A.1940-E) ארויפצושטעלן באגרעניצונגען אויף איינקויפן, פארקויפן און פארמאגן קאטאליטיק קאנווערטער***

***מוטיגט ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן אויסצוניצן 20 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר לייסענס פלעיט לייענער, באאבאכטונג פאטאגראפיר מכשירים און אנדערע אנטי-גניבה טעכנאלאגיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן נייע שריטן אויף צו העכערן צווישן-אגענטורישע פאר-מיטלען און קאטאליטיק קאנווערטער גניבה אינפארסירונג אין פלעצער מיט א הויכע צאל גניבות דורך צילן אומערלויבטע און אומגעזעצליכע אויטא צענעמער אדער ׳טשאַפ שאָפּס׳. דער גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.9428/ A.1940-E) צו באקעמפן די גניבה פון קאטאליטיק קאנווערטער, וואס שטעלט אוועק באגרענעצונגען אויף דאס איינקויפן, פארקויפן און פארמאגן קאטאליטיק קאנווערטער דורך וויהיקל צענעמער און ברוכווארג פראצעסירער.

״פובליק סעיפטי איז מיין העכסטע פריאריטעט, און מיר נעמען אן אגרעסיווע, געצילטע צוגאנג אפצוהאלטן פארברעכער פון גנב׳ענען קאטאליטיק קאנווערטער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״קאטאליטיק קאנווערטער גניבות זענען שארף געשטיגן לענגאויס אונזער סטעיט און לאנד, און די ברייט-ארומנעמיגע שריטן פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו האלטן אפגעהיטן ניו יארקער און זייערע פארמעגנס, באשיצן אונזערע קאמיוניטיס און זיך נעמען שטרענג קעגן פארברעכנס.״

קאטאליטיק קאנווערטער זענען א הויפט שטיקל פון אן אויטא׳ס עקזאָוסט סיסטעם, אראפברענגנדיג פארפעסטונג ווי למשל סמאָג וואס וואלט אנדערש ארויסגעלאזט געווארן אין דער אטמאספערע. גנב׳ענען קאטאליטיק קאנווערטער קאסט טייער פאר אויטא הענדלער און פאר׳ן דרייווו׳ענדער פובליק. עס קען קאסטן א דיעלער צווישן 2,000 ביז 3,000 דאלער צו ערזעצן א גע׳גנב׳עטע קאנווערטער אויף צו פאררעכטן די שאדן צו א קאַר׳ס אונטער-שאַסי, ברענשטאף ליניע און עלעקטרישע דראטן בשעת א גניבה.

צווישן-אגענטורישע קאאפעראציע און אינפארסירונג זענען דאס שליסל צו אדרעסירן דעם גאנץ-סטעיט׳יגן פראבלעם. ניו יארק סטעיט פאליציי און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס ווערן אנגעוויזן אויסצוניצן זייערע עקזיסטירנדע צוזאמארבעטשאפטן מיט ארטיגע, סטעיט און פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג אויף צו מערן אויספארשונגען און קרעקדאונס אין געגנטער מיט א

הויכע צאל גניבות. די אויספארשונגען האבן אפטמאל באהאנדלט ארגאניזירטע גניבה אפעראציעס וועלכע זענען אריבערגעגאנגען סטעיט גרעניצן.

אין ניו יארק סיטי, האט דער ניו יארק פאליצײ דעפארטמענט אין אנהייב באריכטעט אז קאטאליטיק קאנווערטער גניבות זענען געשטיגן פיר-פאכיג אין 2022. עס זענען פארגעקומען 5,548 קאטאליטיק קאנווערטער גניבות אין דער שטאט ביז אוגוסט 14, אין פארגלייך צו 1,505 גניבות אין דער זעלבער פעריאד אין 2021.

קאטאליטיק קאנווערטער גניבות אין נעסאוי קאונטי זענען באריכטעט צו האבן געשטיגן מיט 248 פראצענט ביז אהער דאס יאר. עס זענען פארגעקומען באלד דריי מאל אזוי פיל קאטאליטיק קאנווערטער גניבות היי-יאר ביז היינט אין סופאלק קאונטי. לויט באריכטן, זענען 445 קאטאליטיק קאנווערטער גע׳גנב׳עט געווארן פאראיאר אין נעסאוי קאונטי, און דאס יאר זענען גע׳גנב׳עט געווארן א סה״כ פון 1,549 קאנווערטער. אין סופאלק קאונטי זענען 289 קאנווערטער גע׳גנב׳עט געווארן אין 2021 און 819 ביז היינט היי-יאר אין 2022.

לויט די נאציאנאלע אינשורענס פארברעכנס ביורא, וואס האלט חשבון פון פארברעכנס באריכטעט צו אינשורענס פירמעס, איז די צאל באריכטעטע קאטאליטיק קאנווערטער גניבות געשטיגן פון אומגעפער 1,300 אין 2018 אויף איבער 52,000 אין 2021 — אן אויפשטייג פון אומגעפער 1,215 פראצענט פון 2019.

**ניו יארק סטעיט דעפאַרטמענט פון מאָטאָר וויהיקלס קאמיסיאנער מארק דזשעי. עף. שראודער האט געזאגט,** ״מיר ארבעטן שוין פלייסיג אויף עטליכע פראנטן צו אדרעסירן דעם פראבלעם פון קאטאליטיק קאנווערטער גניבות. מיר ארבעטן נאענט מיט אונזערע צוזאמארבעטער אין געזעץ אינפארסירונג און די אויטא האנדלשאפט אינדוסטריע צו אדרעסירן די גניבות דורך אויסטיילן איינקריצונג געצייג קעסטלעך. מיר האבן געהאלטן און וועלן ווייטער האלטן פרעסע קאנפערענצן לענגאויס ניו יארק סטעיט אויף צו העכערן באוואוסטזיניגקייט צווישן קאנסומער און זיי אויסלערנען אופנים אפצוהיטן זייערע פארווארג קעגן די גניבות.״

**ניו יארק סטעיט פאליצײ ערשטע דעפיוטי סופעראינטענדענט סטיווען עי. ניגרעלי האט געזאגט,** ״מיר זענען דאנקבאר דעם גאווערנער׳ס צוגאנג אין אדרעסירן דעם אויפשטייגנדן פראבלעם. די סטעיט פאליצײ איז אין פולשטענדיגע פארבינדונג מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג צוזאמארבעטער אויף׳ן לאקאלן, סטעיט און פעדעראלן שטאפל, און איז אנטשלאסן צוצושטעלן די הילפס-מיטלען נייטיג אויף אונטערצוברענגען די פארברעכנס ארגאניזאציעס וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר דער אויפשטייג אין אויטא און קאטאליטיק קאנווערטער גניבות.״

<u>**קאטאליטיק קאנווערטער גניבה ביל**</u>

דער גאווערנער האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.9428/ A.1940-E), וואס ענדערט דעם וויהיקל און טראפיק געזעץ אויף צוצולייגן קאטאליטיק קאנווערטער אלס א הויפט שטאנדטייל פארווארג חלק, וואס וועט פאדערן פון וויהיקל צעגעמער צו האלטן רעקארדס פון זיי. יעדע 60 טעג, מוזן יענע ביזנעסער באריכטן די צאל קאטאליטיק קאנווערטער ערהאלטן במשך דעם צייט אפשניט. דאס פעלן אויסצוהאלטן אדער צושטעלן יענע רעקארדס אויף׳ן פארלאנג איז א קלאס A לייכטער פארברעך און קען אנטהאלטן געלט-שטראף ביז טאפלט די סומע איינגעשאפן אין נעמען די אנגעבליך גע׳גנב׳עטע קאנווערטער שטאנדטיילן. אין צוגאב וועלן נייע מאטאר וויהיקל הענדלער און אנדערע קוואליפיצירטע דיעלערס זיין פארלאנגט צו האלטן אין סטאק קאטאליטיק קאנווערטער איינקריצונג געצייג קעסטלעך צו לייגן אן אייגנארטיגן סעריעל נומער אויף די חלקים כדי אז זיי זאלן קענען נאכגעשפירט ווערן אויב זיי ווערן

גע׳גנב׳עט. יענע געצייג קעסטלעך וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר נישט מער ווי דער קאסט פונעם געצייג קעסטל אליין.

**סטעיט סענאטארקע דיענע סאווינא האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול, מיין אסעמבלי קאלעגע און ביל ספאנסירער אסעמבליפרוי בוטענשאן, און סענאטארן אדאבא און קענעדי פאר אלע זייערע הילף מיט די קריטיש-וויכטיגע לעגיסלאציע. צום מזל, דארפן רוב מענטשן נישט וויסן וואס דאס איז א קאטאליטיק קאנווערטער — אחוץ אויב איר פרובירט צו דרייוו׳ען א קאַר וואס האט עס נישט. וואס מיר טוען דא איז זיך נעמען שטרענג קעגן קאטאליטיק קאנווערטער גניבות, פאדערנדיג אז קאטאליטיק קאנווערטער זאלן צוגעלייגט ווערן צו דער ליסטע פון באשטאנדטיילן וועלכע מוזן באריכטעט ווערן, און אויך ארויפשטעלנדיג נייע קאנטראל-מיטלען אויף מעטאלישע ברוכווארג הענדלער, ברוכווארג פראצעסירער און אנדערע, ווי אויך ארומוואנדערנדע דיעלערס, כדי צו קענען לייזן דעם פראבלעם. איך דאנק נאכאמאל דעם גאווערנער און מיינע קאלעגעס פאר זייער פירערשאפט — דאס איז א נאציאנאלן פראבלעם און איך שטאלציר מיך אז ניו יארק פירט דעם וועג אויף אפצוהאלטן קאטאליטיק קאנווערטער גניבות.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעריען בוטענשאן האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן היינט A 1940e, וואס וועט געבן געזעץ אינפארסירער און דעם DMV מער הילפס-מיטלען און געצייג אויף צו באשיצן אונזער קאמיוניטי. די לעגיסלאציע וועט פארזיכערן די נייטיגע רעקארד-האלטונג און דאקומענטאציע פאר קאטאליטיק קאנווערטער צו העלפן אפהאלטן גנבים פון קענען ווייטער פארקויפן די מאטעריאלן.״

**עריק טענער, א געליטענע פון קאטאליטיק קאנווערטער גניבה אין הונטינגטאן, האט געזאגט,** ״אלס א קרבן פון קאטאליטיק קאנווערטער גניבה הארט אינדרויסן פון מיין הויז, בין איך שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנער האוקול בשעת זי פארשטערקערט באמיאונגען צו באקעמפן דעם פראבלעם. די געשווינדע אקציע איז גענוי די סארט פירערשאפט וואס מיר דארפן האבן, און איך בין דאנקבאר צו יעדער וואס האט גענומען א חלק אין מאכן דעם היינטיגן טאג א ווירקליכקייט. אינאיינעם קענען מיר העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיין מער זיכער און מער אפגעהיטן.״

דער גאווערנער האט אויך אויסגעמאלדן אז 20 מיליאן דאלער איז פאראן צו העלפן ארטיגע פאליציי דעפארטמענטס און שעריף׳ס אפיסעס אינוועסטירן אין נייע טעכנאלאגיעס אויף צו לייזן, רעדוצירן און אפהאלטן פארברעכנס. אין מיטל-דעצעמבער וועט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ארויסזוכן אפליקאציעס פאר טעכנאלאגיע בקשות, אריינגערעכנט לייסענס פלעיט לייענער , מאביל און אומבאוועגיגע נאכשפיר קאמערעס, פילאטלאזע לופט פארווארג, שיסעריי דערשפיר מכשירים, ׳סמאַרט׳ געצייג פאר פאטראל אויטאס און באאמטע און אנדערע סארטן פובליק זיכערהייט אויסריכטונגען. אויף צו אינפארמירן די איינשאפונג, האט DCJS ארויסגעגעבן א פארלאנג פאר אינפארמאציע אויף צו זאמלען מיטגעטיילטע מיינונגען פון פאליציי דעפארטמענטס און שעריף׳ס אפיסעס אויף די סארטן טעכנאלאגיע וואס זיי דארפן האבן. די אגענטור וועט אננעמען ענטפערס ביז נאוועמבער 18, 2022.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418